רשימות

# דברות קודש

ח"י טבת
ה'תשפ"ה

רשימה שאינה מוגהה
על-ידי אחד התלמידים המקשיבים
לתועלת תלמידי הישיבה

זה השער לד׳
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

**כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**
**ממונקאטש**

בהיכל ישיבתינו הקדושה

**ישיבת יודעי בינה מונקאטש**

ממחרת יומא דהילולא קדישא
של כ״ק מרן אדמו״ר בעל בני יששכר זי״ע

**ה״י טבת שנת ה׳תשפ״ה**

הוצאת אומרת
אור תורה מונקאטש

ברוקלין, נוא יארק
חודש שבט ה׳תשפ״ה

רשימות

# דברות קודש

ח"י טבת

ה'תשפ"ה

יוצא לאור על ידי:

**הוצאת אמת**

אור תורה מונקאטש

מכון להו"ל ולהפיץ

ספרי רבותינו הקדושים

Published By:

**Emes Publishing Inst.**

Ohr Torah Munkacs

P.O.B. 393

Brooklyn, New York 11219

**T:** 347.408.5208

**F:** 718.504.3526

**W:** www.minkatch.org

**E:** EmesOnline@gmail.com

כל הזכיות שמורות ל:

**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2025 by:**

**Emes Publishing Inst.**

All rights reserved to publisher

The entire text has been newly

edited designed and set.

No part of this book may be

reproduced in any form,

including information storage

or retrieval, in whole or in part,

without written permission

from the copyright holder

# ח"י טבת ה'תשפ"ה

## חשוב'ע הייליגע בחורים!

**עס** גייט מיר פארביי א מחשבה, צי איך וואלט געברויכט מאכן א "שהחיינו" אז דער אויבערשטער האט מיר מזכה געווען צי הערן הערליכע דברי תורה פון מיין אייניקל, וואס ציהט זיין יחוס צו מיינע הייליגע אבות. אבער, לכל הפחות, ארויסצוזאגן פארן אויבערשטן מיין הודאה אז "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה", וועל איך זיך שטעלן אויף דעם זעלבן ענין, און אביסל מרחיב זיין.

## "כל אדם ראוי לו להיות צדיק כמשה רבינו"?!

**מיין** אייניקל האט דא געפרעגט, ווי אזוי קען מען פארשטיין, איינע פון די עיקרי אמונה וואס דער רמב"ם שרייבט (פ"ה מהלכות תשובה ה"ב, ובהרחבה יותר ב'שמנה פרקים'), אז "כל אדם ראוי לו להיות צדיק כמשה רבינו", יעדער איד קען אויסוואקסן ווי משה רבינו. לכאורה, לויט די מציאות וואס באווייזט זיך פאר אונזערע אויגן, האבן מענטשן באגרעניצטע כוחות, און פארמאגן נישט די יכולת

צו קענען אנקומען צו גאר הויכע מדריגות, און זיכער נישט צו די דרגא פון משה רבינו.

**ווען** מען טראכט אין דעם אריין, פרעגט זיך יעדער אליינס: קען איך דען במציאות זיין ווי משה רבינו? משה רבינו איז ארויף אין הימל, ער איז דארט געווען הונדערט און צוואנציג טעג, ער האט נישט געגעסן און נישט געטרינקן, ער האט זיך געקריגט מיט מלאכים ער זאל קענען אראפברענגען די תורה פארן כלל ישראל וכו' וכו'. משה רבינו האט איינגעריסן פארן כלל ישראל (שמות לב, יא) "ויחל משה את פני ד' אלקיו" - מיר קענען אפילו נישט אנהויבן צו רעדן און זאגן די ווערטער וואס משה רבינו האט דעמאלטס געזאגט (עיין ברכות לב, א: מלמד שעמד משה בתפלה לפני הקב"ה עד שהחלהו כו'). **אויב אזוי** ווי קען מען גלייבן באמת אז מיר קענען יא זיין ווי משה רבינו?

**א** בחור טראכט און קלערט, "איך פריי זיך ווען איך קען איין מסכת און נאך א מסכת, אדער ווען איך פארשטיי א שווערע תוספות". "איך בין בשמחה ווען איך בין מחדש א חידוש, ווען איך לערנען מיט התמדה, מיט אהבת תורה ויראת שמים. אבער ווי אזוי קען איך גלייבן באמונה שלימה אז איך קען אנקומען צו זיין ווי משה רבינו"?

**באמת,** נישט נאר אז מיר קענען נישט משיג זיין צי אויפוואקסן ווי משה רבינו - דער אדון כל הנביאים און רבן של ישראל, נאר אפילו צי זיין ווי גדולי ישראל וואס זענען געווען אין די אלע דורות נאך איהם, זעהט מען אויך נישט ווי עס איז מעגליך. א בחור'ל טראכט ביי זיך, צי דען א חתם סופר קען איך יא זיין? א רבי עקיבא איגר קען איך יא זיין? איך וועל זיך פרייען בשמחת התורה אז איך זאל כאטש פארשטיין די תורה וואס זיי האבן געזאגט.

## "וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל"

**נאך** מער פון דעם. מיר ווייסן אז סמוך לפטירתו האט משה רבינו איבערגעלאזט א ברכה פאר כלל ישראל ווי עס שטייט אין פסוק (דברים לג, א) "וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים". פרעגט דער מדרש (דברים רבה פי"א ד): "אם 'האלקים' למה 'איש', ואם 'איש' למה 'האלקים'", דאס הייסט אדער איז משה רבינו געווען אן "איש" אדער אן "אלקים", "מהו 'איש האלקים'"? ענטפערט דער מדרש: "מחציו ולמטה" איז ער געווען "איש", און "מחציו ולמעלה" איז ער געווען "האלקים".

**די** ביאור אין דעם איז, ווייל דער אויבערשטער האט געלערנט און איבערגעגעבן די תורה פאר משה רבינו אין א בחינה ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים א, ב): "ישקני מנשיקות פיהו" (עיין שיר השירים רבה פ"א יב וילקוט שמעוני שיר השירים א ב). און די ספרים הקדושים טייטשן, אז דאס איז מלשון "השקה" וואס איז דא ביי א מקוה [אז ווען עס איז דא א כשר'ע מקוה פון פערציג סאה מי גשמים, און דערנעבן איז דא א צווייטע בור פון מים שאובים וואס איז נישט קיין כשר'ע מקוה, אויב עס איז דא אן "השקה" צווישן די צוויי בורות - א לאך דורך וואס די צוויי וואסערן 'קושן' זיך צוזאם, וועט די צווייטע בור אויך זיין כשר צום טובל'ן]. דאס מיינט, אז דער אויבערשטער האט געלערנט מיט משה רבינו אין א בחינה פון "השקה", ווי צוויי וואסערן וואס קושן זיך צוזאם און ווערן ווי איינס. השי"ת האט אזוי געלערנט תורה פאר משה רבינו, מיט א נשיקות, ביז ער איז אליינס געווארן אן "איש האלקים".

**און** דאס איז געווען די ברכה וואס משה רבינו האט געגעבן פאר גאנץ כלל ישראל. אזוי ווי עס שטייט בהמשך הפסוק: "וזאת הברכה אשר ברך משה" אז פונקט ווי ער איז אליינס געווארן אן "איש האלקים" ביים לערנען תורה מיט השי"ת, אזוי זאל זיין ער "את בני

ישראל", אז יעדער איד ווען ער וועט לערנען תורה וועט ער אויך קענען ווערן אן "איש האלקים".

**דאס** איז אן הייליג ווארט. אבער אז מען טראכט אריין דערין, ווערט די קשיא נאך שווערער. ווי אזוי קען מען פארשטיין אז יעדער איינער זאל לערנען תורה מיט די זעלבע דביקות און מדריגה ווי משה רבינו? קען דען יעדער אויפוואקסן אן "איש האלקים" ווי משה רבינו?

## "מי אנכי"?

**די** קשיא האט זיך נישט יעצט אנגעהויבן דא ביי אונז. דאס האט שוין געמאטערט אסאך גרעסערע מענטשן פון אונז. אויף אזוי ווייט, אז דער ערשטער וואס האט דאס נישט פארשטאנען, איז גאר געווען משה רבינו אליינס!

**די** ערשטע מאל ווען השי"ת האט זיך באוויזן פאר משה רבינו בתוך הסנה, ווען השי"ת האט איהם געשטעלט אלס מנהיג ישראל און איהם געזאגט די ערשטע נבואה, האט משה רבינו זיך געוואונדערט און געזאגט צום רבונו של עולם (שמות ג, יא) "מי אנכי כי אלך אל פרעה" - ווער בין איך צו גיין אויף אזא שליחות? "וכי אוציא את בני ישראל ממצרים". משה רבינו אליינס האט נישט פארשטאנען ווי אזוי קען ער זיין דער "משה רבינו"? ער האט זיך נישט געזעהן ראוי און פאסיג פאר דעם. ער האט זיך געוואונדערט 'ווער בין איך אזוי אויס צי וואקסן'? "מי אנכי"?

## "כי אהיה עמך"!

**די** קשיא קוקט אויס ווי א גרויסע קשיא. אבער דער באשעפער האט אויף דעם געענטפערט (שם יג) "כי אהיה עמך". דיין קשיא

"מי אנכי" איז נישט קיין קשיא. נישט ווייל דו ביסט טאקע יא אזוי גרויס פאר די שליחות, נאר "כי אהיה עמך" - ווייל איך וועל זיין מיט דיר. איך וועל דיר נישט פארלאזן. דער באשעפער האט צוגעזאגט פאר משה רבינו, און איהם מסביר געווען, אז דו וועסט זיין א "משה רבינו", ווייל איך וועל אייביג זיין מיט דיר. און צוליב דעם וואס איך וועל שטענדיג מיטארבעטן מיט דיר צוזאם, וועסטו קענען צוקומען צו די געוואלדיגע מדריגות פון זיין משה רבינו און דער גואל ישראל.

[כאטש שפעטער אין די פסוקים, זעהט מען אז משה רבינו האט זיבן טעג זיך ווייטער גע'טענה'עט מיטן באשעפער אז ער קען נישט גיין אויסלייזן די אידן פון מצרים, איז שוין זיינע טענות מער נישט געווען אז ער האט זיך ווייטער געהאלטן נישט ראוי, ווייל נאך די תשובה פון השי"ת "כי אהיה עמך" האט ער שוין מער נישט געפרעגט "מי אנכי". נאר פון יעצט און ווייטער האט ער געפרעגט, אז די אידן וועלן איהם נישט גלייבן, און מען וועט איהם נישט אויסהערן ווייל ער איז א כבד פה און א כבד לשון וכו' וכו'. אבער אויף זיך אליינס, האט ער מער נישט געהאט קיין קשיא.]

## "ואתם הדבקים בד' אלקיכם"!

**פונקט** ווי "כי אהיה עמך" איז געווען א תירוץ פאר משה רבינו, אזוי איז דאס א תירוץ פאר יעדן וואס פרעגט ווי אזוי קען ער זיין ווי משה רבינו. "מי אנכי"? דער אויבערשטער זאגט איהם אויך צו "כי אהיה עמך". אזוי קען יעדער איינער ווערן א משה רבינו. אויף דעם אופן איז שוין נישט קיין קשיא. ער דארף נאר זעהן צו מקיים זיין דעם (דברים ד, ד) "ואתם הדבקים בד' אלקיכם", צו בלייבן באהאפטן מיטן באשעפער. אויב א בחור זעצט זיך לערנען תורה, מיט א דביקות אין באשעפער, קען ער באמת אויסוואקסן ווי משה רבינו.

**דערפאר,** ווען מען שרעקט זיך אסאך מאל פון א שווערע מסכת, א טיפע סוגיא, א שווערע תוספות, מען טראכט: דאס איז נישט פאר מיר. דארף מען געדענקן אז דאס איז א גרויסע טעות. ווייל אז דו וועסט זיין דבוק אין תורה, וועסטו קענען פארשטיין די שווערסטע סוגיות. דו וועסט משיג זיין לאמיתה א מחלוקת צווישן תוספות און רשב"א. לאו דוקא ווייל דו ביזט אזוי גרויס. נאר ווייל יעדער איד האט דעם הבטחה, אז דער אויבערשטער זאגט איהם "כי אהיה עמך", איך וועל זיין אנגעקלעבט מיט דיר. צוזאמען מיט מיר, זאגט דער באשעפער פאר יעדן איד, וועסטו שטייגן זייער גרויס. אז דו וועסט זיין דבוק אין מיר, מיר וועלן זיין אנגעקלעבט, גייסטו אויפוואקסן אסאך מער ווי דו שטעלסט זיך פאר.

**מען** קען דבוק זיין אין באשעפער, דורכדעם וואס מען איז דבוק אין די תורה. מען לערנט דא דעם זמן מסכת בבא קמא, פרק כיצד הרגל [מען האלט יעצט ביי די סוגיא פון "זה נהנה וזה לא חסר" וואס אליין איז א סוגיא נוראה], און [ביים צווייטן סדר] פרק שור שנגח, זאל מען דאס לערנען און קענען קלאר, מיט די תוספות וכו'. מען זאל זיך דאס קענען גוט פארהערן. מען זאל אלעס גוט פארשטיין, מיט מוח און שכל און הארץ. מען קען דאס אלעס באווייזן ווען מען איז דבוק אין די סוגיא. "כי אהיה עמך". מען גייען נישט אוועק פון די גמרא ביז מען פארשטייט ריכטיג וואס תוספות זאגט. ווען מען ענדיגט דעם שיעור און דעם סדר, פארמאכט מען נישט די גמרא צוליב דעם וואס יעצט איז מיטאג צייט, אדער יעצט איז דא א באשטימטע הפסקה. ווייל אויב מען קען זיך דערפון אזוי שנעל אפטיילן, באווייזט דאס אז מען איז נישט דבוק אין די תורה וואס מען לערנט. א "דביקות אינעם לערנען" מיינט, אז ווען איך גיי אוועק פון די גמרא - ווייל איך בין א בשר ודם - טראכט איך נאך אלטס פון די גמרא און פון תוספות. איך וויל ווייטער וויסן פארוואס האט תוספות אזוי געענטפערט, עס איז נאך נישט

פארענטפערט די קשיא, און אזוי ווייטער. און אז מען וויל זיין אזוי דבוק אין באשעפער, זאגט דער באשעפער, "כי אהיה עמך", איך וועל זיין דבוק אין דיר.

[**חוץ** די לימוד התורה, וואס מען דארף צו לערנען מיט דביקות, דארף א איד אויך קלעבן אין באשעפער ביים דאווענען, ביים מקוה גיין, ביים חסד טוהן מיט אידן.]

**איך** געדענק ווען אין בין געווען אין ענקערע יארן, האב איך געלערנט אין א ישיבה וואס מען רופט א "ליטווישע ישיבה". דאס איז געווען א ישיבה צו וואס מען איז געקומען צו פארן פון פארשידענע שטעט איבער גאנץ אמעריקא. עס זענען געווען בחורים וואס זענען געקומען פון "אמעריקאנער שטובער" – זיי זענען נישט געקומען פון אזעלכע ווארילע און ערליכע שטובער ווי עטס קומטס – אבער אין ישיבה האבן זיי זיך אנגעקלעבט אין תורה. אויף אזוי ווייט, אז אפילו שוין לאנג נאכ'ן סדר הלימוד – אויך אינמיטן די וואכענדיגע סעודות – האבן זיי זיך ווייטער ארומגע'טענה'ט אין לערנען. און דורכדעם וואס זיי האבן זיך אזוי אנגעקלעבט אין די תורה, זענען זיי שפעטער אויסגעוואקסן גרויסע תלמידי חכמים. אסאך זענען מורי הוראה, אסאך זענען מגידי שיעורים און ראשי ישיבות. ווייל יעדער איד וואס איז זיך מדבק אין תורה, קען אויסוואקסן ווי משה רבינו.

## בענינא דיומא – ימי השובבי"ם

**דאס** איז ספעציעל זייער נוגע אין די טעג. דער אויבערשטער האט אזוי מסבב געווען, אז די זמן וואס מען זאל זיין דא יעצט אין ישיבה און רעדן, איז אין די וואכן פון שובבי"ם, וואס זענען די

ראשי תיבות פון די אלע סדרות וואס מען לייענט יעצט אין די תורה - די פרשיות פון משה רבינו און גאולת ישראל, פון שמות ביז משפטים. די וואכן, זענען טאקע נישט קיין ימים טובים, אבער זיי זענען גאר דערהויבענע טעג. מען דארף גוט דורכלערנען וואס מען האט שוין געהערט אסאך מאל איבער די עבודה און סגולה פון די טעג און די וואכן. אייביג איז דא וואס מען קען דערין זיך מתבונן זיין, צולייגן, און זיין א מוסיף והולך.

**צו** רעדן איבער די וואכן, איז די שווערסטע ווערטער וואס מען קען רעדן. מסתמא ווייסט יעדער וואס דער אר״י הקדוש זאגט (עיין שער הכוונות דרושי ראש השנה דרוש א, שער רוח הקודש תיקון כז, שער הפסוקים פרשת שמות, ועוד), אז די טעג זענען מסוגל מען זאל זיך שטארקן און פאררעכטן בנוגע געוויסע נסיונות וואס א מענטש גייט דורך. נסיונות וועלכע זענען נישט ניי, נישט נאר אין היינטיגע צייטן, נאר האבן זיך שוין אנגעהויבן זייט אדם הראשון איז געווארן פארטריבן פון גן עדן. נסיונות וואס הייבט זיך אן במחשבה, אז מען טראכט זאכן וואס מען ברויך נישט צו טראכטן.

**איך** רעד דאך דא צו אייגענע קינדער, וועל איך רעדן מיטן גאנצן אמת. איך וועל מקדים זיין מיינע ווערטער דורך ענק דערציילן, אז מיט העכער פינף און פערציג יאר צוריק, האט מיר אמאל גערופן אויפן טעלעפאון א גרויסע צדיק, א רבי, און מיר געבעטן איך זאל צו איהם אריבערקומען, איבערצישמועסן א וויכטיגע נקודה איבער א יסודות׳דיגע נושא. ער האט זיך צו מיר אויסגערעדט און געזאגט וואס ער האלט, אז מען דארף אין די חדרים רעדן און מסביר זיין קלאר, מפרש זיין, איבער די עבירות וואס מען דארף דערויף תשובה טוהן אין שובבי״ם. מען טאר נישט לאזן אז דאס זאל אזוי בלייבן אומקלאר, האלב פארשטייט מען בכלל נישט איבער וואס מען רעדט, דאס אנדערע פארשטייט מען אביסל. זיין דעת איז

געוועז, אז שוין ביי כתה ז' אין א תלמוד תורה, זאלן די מלמדים ארויסנעמען דעם "קיצור שלחן ערוך" (סימן קנא) און לערנען מיט די תלמידים וואס זענען די עבירות איבער וואס מען רעדט דא, און פון וועלכע זאכן דארף מען זייער אבאכט געבן, און ווי אזוי מען דארף געווארנט זיין.

**ער** האט מיר דעמאלטס געזאגט, אז באמת, ווען מען ווערט שוין אביסל עלטער, ווייסט דאך שוין יעדער איינער מער וואס שובבי"ם איז, איבער וואס עס רעדט זיך (עיין חתם סופר פרשת לך לך ד"ה ותאמר). דער יונגער קינד און בחור ווייסט אפשר נישט אינגאנצן, אבער ער ווייסט וואס מחשבות זרות זענען, ער ווייסט פון די לאו וואס מען זאגט אין קריאת שמע יעדן טאג (במדבר טו, לט) "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם". אבער די הלכות וואס שטייען אין "קיצור שלחן ערוך", מלה במלה, קען מען נישט, און מען האט נישט דערין קיין השגה. דערפאר האלט ער, אז מלמדים דארפן דאס קלאר לערנען, פונקט אזוי ווי מען לערנט הלכות קריאת שמע און הלכות תפלה.

**ער** האט מיר מסביר געוועז פארוואס ער זאגט אז מען זאל דאס שוין אנהויבן לערנען אזוי פרי ווי אין כתה ז': ווייל מען דארף מקדים זיין רפואה למכה. די קינדער זענען טאקע נאך יונג, זיי ווייסן נאך גארנישט, אבער אז מען וועט מיט זיי יעצט לערנען די הלכות, דעמאלטס ווען זיי וועלן ווערן עלטער און עס וועט אנהויבן קומען נסיונות, וועלן זיי כאטש שוין וויסן וואס מען טאר נישט טוהן.

**אויך** האט ער מיר פארציילט, אז ער האט שוין געהאט אמאל צוזאמגערופן אן אסיפה איבער דעם אין בארא פארק, און האט שוין גערעדט מיט אסאך מנהלים, פועל'ן אז מען זאל דאס אזוי איינפירן אין די חדרים, אבער למעשה האט מען איהם דעמאלטס אפגעזאגט.

זיי האבן גע'טענה'ט אז מען קען נישט האבן אזא צוגאנג, די עלטערן וועלן נישט מסכים זיין אז מען זאל רעדן אזעלכע ענינים מיט יונגלעך, עס איז נישט קיין ריינע זאכן, און עס וועט ווערן דערפון א טומעל וכו'. ממילא וויל ער נאכאמאל רופן אן אסיפה, ווידער פרובירן דאס צו פועל'ן און ערקלערן, אבער ער דארף האבן חיזוק דערצו. דערפאר האט ער מיר געבעטן אז איך זאל קומען מחזק זיין די אסיפה.

**למעשה,** איז נישט געווען צי א גרויסע הצלחה ביי די אסיפה. מנהלים האבן דאס נישט געקענט מקבל זיין. איך וועל זאגן דעם אמת, איך האב דעמאלטס פארשטאנען אויך זייער גוט די מנהלים. אפשר זענען זיי געווען גערעכט. ווייל ווי אזוי קען מען מיט יונגע יונגלעך פון כתה ז' שוין אנהויבן צו רעדן וואס איז די עבירה פון 'לבטלה' וכו'. מען קען הערן א טענה, אז וויבאלד די קינדער ווייסן ממש גארנישט, און אויב וועט מען זיי דאס יעצט דערציילן בשעת מען איז מפרט די הלכות, קען זיין עס וועט אינגאנצן נישט ארויסקומען קיין טובה פון דעם.

**היינט,** דא, רעד איך פאר בחורים. יעדער קען זיך אליינס ארויסנעמען א "קיצור שלחן ערוך" און לערנען די הלכות. עס איז שווער דאס פארלערנען ברבים. איך וואלט זיך נאך היינט געשעמט דאס ארויסצוזאגן און מפרש זיין. דאס איז צי א שווערע זאך.

## "אין לך דבר העומד בפני התשובה"!

**נאר,** אז מען וויל מעסטן, אביסל, ווי גרויס די עבירה איז, דארף מען אנהויבן ביים זעהן די שרעקעדיגע ווערטער וואס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"א ריט, ב) "לית לך חובא בעלמא דלא אית ליה תשובה

בר מהאי", אז ווען איינער איז עובר די עבירה פארמאכט מען פאר איהם די טויערן פון תשובה. אויף אלע עבירות ניצט תשובה, אבער ביי די חטא הברית ח"ו ניצט נישט קיין תשובה.

**עס** איז דא אויף דעם א באקאנטע "ראשית חכמה" (שער הקדושה פרק יז). ער פרעגט, ווי אזוי קען די זוהר הקדוש זאגן אז עס העלפט נישט דערויף קיין תשובה, די הייליגע חכמים זאגן דאך קלאר (ירושלמי פאה פ"א ה"א) "אין לך דבר העומד בפני התשובה", תשובה העלפט אייביג אויף אלעס?

**ענטפערט** דער ראשית חכמה, און ער איז מסביר, אז עס זענען דא צוויי סארטן "תשובה". עס איז דא אן אופן פון טוהן תשובה וואס ווערט אנגערופן "תשובה תתאה", און עס איז דא א "תשובה עילאה".

**אין** א פשוט'ער שפראך וואלט מען געקענט מסביר זיין אז דאס מיינט "תשובה מיראה" און "תשובה מאהבה" (עיין בני יששכר מאמרי חודש ניסן מאמר ג אות ד). די עברי-טייטש פון דעם איז: עס איז דא א מענטש וואס האט נישט אזוי חרטה אז ער האט עפעס געטוהן אקעגן די רצון פונעם אויבערשטן, אבער ער האט מורא ביים טוהן חלילה אן עבירה, ווייל דער אויבערשטער זאגט דאך אז (דברים יא, כח) "אם לא תשמעו" וועט קומען פארשידענע עונשים רח"ל, סיי אויף די וועלט און סיי אויף די קומענדיגע וועלט. דערפאר, מחמת די יראה וואס ער האט, טוט ער תשובה. דאס איז א "תשובה מיראה". א קליינע און נידריגע מדריגה אין תשובה - "תשובה תתאה".

**עס** איז דא א העכערע מדריגה פון תשובה, וואס רופט זיך "תשובה מאהבה". על דרך משל ווי א בשר ודם האט ליב זיין טאטע, וואס דערפאר וויל ער נישט וויי טוהן זיין טאטע און אודאי נישט אז זיין טאטע זאל געוואויר ווערן אויב ער האט געטוהן א געוויסע עוולה,

ווייל צוליב די אהבה וואס ער האט צום טאטע'ן וויל ער איהם נישט מצער זיין. כל שכן ווען עס קומט צו דעם באשעפער, וואס ער האט איהם אזוי ליב, "ואהבת את ד' אלקיך" (דברים ו, ה), וויל ער איהם נישט מצער זיין דורך טוהן זאכן וואס זענען אקעגן זיין רצון, ווייל ער ווייסט דאך ווי שטארק עס טוט ווי פארן באשעפער ווען זיינע קינדער זינדיגן. דערפאר, ווען ער האט יא חלילה עובר געווען און מצער געווען אביו שבשמים, טוט ער תשובה דערויף, מחמת די גרויסע אהבה וואס ער האט צו השי"ת. ער איז זיך מקבל אויף להבא מער נישט צו טוהן די עבירה, ווייל ער וויל נישט מצער זיין דעם באשעפער. דאס איז א שענערע תשובה, אויף א העכערע מדריגה, וואס ווערט אנגערופן "תשובה מאהבה".

**זאגט** דער ראשית חכמה, אז דאס וואס דער זוהר הקדוש זאגט, אז עס העלפט נישט קיין תשובה אויף חטא הברית, רעדט מען פון "תשובה תתאה". אבער אויב טוט מען א הויכע תשובה, מען טוט "תשובה מאהבה", דעמאלטס וועט תשובה יא העלפן, ו"אין לך דבר העומד בפני התשובה".

**דער** הייליגער זיידע, דער בני יששכר זי"ע, דער בעל הילולא, אין זיין הייליגע ספר "בני יששכר" (מאמרי חדש כסלו מאמר יד אות ג), שטעלט זיך בתוך דבריו אויף די ווערטער פונעם ראשית חכמה און ער זאגט אז אונז ווערן נאך אלץ נישט געהאלפן מיט דעם. ווייל טאמער תשובה ניצט נישט סיידנס אז מען טוט "תשובה עילאה" - "מאהבה", פארלאנגט מען דאך זייער א שווערע תשובה פאר די וועלכע זענען דורכגעפאלן מיט די נסיונות. דער חוטא האט א וועג צוריק, מען וועט אין הימל אננעמען זיין תשובה, אבער נאר אויב ער וועט דאס טוהן אויף זייער א הויכע מדריגה. נאר אויב ער קען זאגן מיט אן אמת: איך גיי מער נישט זינדיגן (נישט ווייל איך האב מורא פון די חטא אדער פונעם עונש, נאר) ווייל איך אזוי ליב דעם

באשעפער און איך וויל נישט טוהן עפעס וואס ער האט נישט ליב. וויפיל מענטשן בדור הזה זענען דא וואס האלטן טאקע דערביי?

## תיקוני תשובה

**דער** הייליגער בני יששכר זי"ע איז מסביר אויף אן אנדערע אופן. ער איז מפרש אז דאס וואס די ראשית חכמה זאגט אז עס העלפט נאר "תשובה מאהבה" מיינט עפעס אנדערש (עיין שם בבני יששכר בסוף דבריו). מיט אן הקדמה, אז אין די פריערדיגע דורות האט מען געזאגט אז תשובה העלפט נאר דורך סיגופים און תעניתים. אדם הראשון איז געזעצן בתענית הונדערט און דרייסיג יאר כדי מכפר זיין אויף דעם חטא עץ הדעת (עירובין יח, ב). אויך ראובן, זאגן חז"ל (בראשית רבה פפ"ד יט, הובא ברש"י בראשית לז, כט), איז געזעצן בתענית, און דוד המלך האט אסאך געפאסט ווי ער זאגט אין תהלים (לה, יג) "עניתי בצום נפשי". אזוי טרעפן מיר שוין אין חז"ל אויף נאך תנאים און אמוראים וואס האבן געפאסט אסאך תעניתים, אויף תשובה און כפרה (עיין ברכות יז, א, ירושלמי שבת פ"ה מ"ד, חגיגה כב, ב, מועד קטן כה, א, ועוד, ועיין שולחן אורח חיים סימן תקסה סעיף ד).

**שפעטער,** האבן די מקובלים הראשונים, ווי דער רוקח און ספר חסידים, אוועקגעשטעלט א פונקטליכע סדר תשובה, און געשריבן תיקונים, וויפיל תעניתים מען דארף אפרעכטן כדי תשובה טוהן אויף יעדע סארט חטא. אז מען קוקט אין זייערע ספרים כאפט א פחד (עיין ספר הרוקח הלכות תשובה, ספר חרדים פרק סג, שער רוח הקודש להאר"י הקדוש, ועוד). זיי שרייבן לדוגמא, אז אויב האט מען עובר געווען אפילו איינמאל אויף די עבירה איבער וואס מיר רעדן דא, דארף מען פאסטן פיר און אכציג טעג אויף איינמאל. אויף אנדערע עבירות עטליכע הונדערט תעניתים, און אזוי ווייטער. [עס זענען טאקע

געוועזן צדיקים וואס האבן געפאסט רוב ימי חייהם, זיכער נישט פאר זייערע עבירות נאר מוציא צו זיין דעם כלל ישראל. איך האב נאך געקענט אזעלכע אידן. זיי האבן זיך אנגענומען פאר די צער פונעם באשעפער. מיט זייערע תעניתים האבן זיי גרינגער געמאכט דעם צער פונעם באשעפער.]

**זאגט** דער בני יששכר זי"ע בתוך לשון קדשו, אז די סארט תשובה – פון תעניתים און סיגופים – הייסט "תשובה עילאה". און אזוי האט די ראשית חכמה געלערנט פשט אין זוהר הק': וואס מיינט אז ביי די חטא העלפט נישט תשובה, דאס איז נאר ווען מען טוט "סתם" תשובה. אבער אויב טוט מען אזא "תשובה עילאה", דעמאלטס "אין לך דבר העומד בפני התשובה". ריכטיג, עס איז נישט גרינג צו פאסטן אזויפיל תעניתים און זיך מסגף זיין ווען מען זינדיגט אזוי, אבער אויב א איד ווייסט אז דורכדעם איז דא א וועג צוריק פאר איהם, און מען קען תשובה טוהן, איז דאך אלעס כדאי.

**אבער,** אז דער תיקון איז הונדערטער און הונדערטער תעניתים, איז דאך צוריק שווער די פריערדיגע קשיא: וואס האט מען אויפגעטוהן? ווער קען דאס ביישטיין און דורכפירן? קען מען דען פארשטיין אז פאר אזעלכע אידן וואס די סארט תשובה איז ממש נישט מעגליך פאר זיי, זאל מען זאגן אז עס איז פאר זיי פארשלאסן די שערי תשובה? בפרט פאר א בחור וועלכע האט דאך נישט געוואוסט ווי הארב די עבירה איז, ער האט נישט געוואוסט וואס פאר א צער ער איז גורם פארן באשעפער, ווי קען מען איהם זאגן אז מען וועט איהם נישט מוחל זיין?

**ובפרט** אז ביי נעילה זאגט מען דאך "אתה נותן יד לפושעים", אז דער באשעפער העלפט גאר א איד אפילו א פושעי ישראל צו טוהן תשובה, אויב וויל ער תשובה טוהן, און דא זאגט מען פאר דעם

בחור פארקערט. אויב האסטו עובר געווען אויף אזעלכע עבירות, פארמאכט מען דיר טירן פון תשובה? מען קען נאר תשובה טוהן אויב טוט מען גאר שווערע מעשי תשובה - תשובה אויף א גאר הויכע מדריגה. ווי איז די "יד לפושעים" אין די וואכן פון ימי השובבי"ם?

## "פתחו לי פתח כחודה של מחט"

**פירט** אויס דער הייליגער בני יששכר זי"ע און זאגט אונז ווערטער וואס זענען די חיות פאר יעדער איינער וואס וויל זיין אן ערליכע איד, כאטש ער גייט דורך אלע שווערע נסיונות. ריכטיג, "תשובה עילאה" איז טאקע פאסטן און אויסגיין פארן באשעפער, און נאר דאס וועט העלפן אויף דעם וואס מען רעדט. אבער עס איז דא נאך א זאך. אויפן פסוק (שיר השירים ה, ב) "פתחי לי אחותי רעיתי", דרש'נען חז"ל אין מדרש (שיר השירים רבה שם) "פתחו לי פתח כחודה של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם". השי"ת האט אונז צוגעזאגט, אפילו אין א פאל וואס איך פארלאנג מען זאל האבן "פתחו של אולם" - גרויסע מדריגות פון תשובה ווי "תשובה עילאה", אויב וועט מען פאר מיר עפענען א קליינעם עפענונג, אפילו נאר "כחודה של מחט" - אזוי קליין ווי די לאך פון א נאדל, וועל איך עפענען פאר ענק די טויערן "כפתחו של אולם" (עיין דרשת פתיחת זמן החורף בהיכל הישיבה לזמן החורף תשפ"ד). אויב א מענטש וויל נעמען אויף זיך צו טוהן "תשובה עילאה", זאל ער אנהויבן "כחודה של מחט", טוהן וויפיל ער קען, און נאכדעם זאגט שוין צי דער אויבערשטער "ואני אפתח לכם כפתחו של אולם".

**דאס** הייסט אין אנדערע ווערטער, לענינינו, אז ווען איינער וויל האבן א תיקון אויף זיינע עבירות און הערט אז מען דארף פאסטן

אזויפיל תעניתים, פרעגט ער די זעלבע שאלה וואס משה רבינו האט געפרעגט, "מי אנכי"? ווי אזוי קען איך דאס באווייזן? ווי נעם איך די כח דאס אויסציהאלטן? און די זעלבע תשובה וואס דער בורא כל עולמים האט געענטפערט פאר משה רבינו, ענטפערט איהם דער אויבערשטער יעצט - "כי אהיה עמך"! איך וועל דיר העלפן און איך וועל זיין מיט דיר. איך דארף נישט פון דיר הונדערטער תעניתים, נאר "פתחו לי פתח כחדה של מחט". טוה עפעס. עס זאל נישט דורכגיין די זעקס וואכן פון שובבי"ם מיט גארנישט.

## "ואני אפתח לכם כפתחה של אולם"

**דערפאר** איז במשך הזמן געווארן איינגעפירט די הנהגה ביי אידן אין די וואכן פון שובבי"ם, ווען די טירן פון תשובה זענען פארשפארט אויף די שווערע עבירות, צו עפענען א "פתח כחודה של מחט". יעדער אויף זיין אופן. לדוגמא, מען שטייט אויף פריה כאטש איינמאל אין די וואך - פרייטאג פארטאגס - צו זאגן מער תהלים ווי אן אנדערס מאל. אדער ווי עס איז דא אסאך אידן וואס זאגן גאנץ תהלים אין די שבתים פון שובבי"ם. און אז איינער וועט פרעגן און זיך וואונדערן וואס טוט מען דערמיט אויף? אויב תשובה העלפט נישט, וואס וועט העלפן אביסל תהלים?

**די** תשובה אויף דעם איז, ריכטיג אז זאגן תהלים איז אפשר טאקע נישט מער ווי "תשובה תתאה", אבער די תהלים איז די "פתחו לי פתח כפתחה של מחט". אז מען איז מרבה אין אמירת תהלים, איז ווי מען זאגט פארן באשעפער, דו האסט פארמאכט די פתח פון תשובה, איך קען גארנישט טוהן, וועל איך כאטש תהלים זאגן. על דרך משל: וואס טוט א מענטש ווען ער איז אין שפיטאל מיט איינער וואס איז ל"ע קראנק, און דאקטורים זאגן אז זיי האבן אויפגעגעבן

און האבן נישט וואס צו טוהן? מען עפענט אוף א תהלים און מען וויינט זיך דארט אויס! די זעלבע טוהט מען אויך אין די שובבי"ם.

**א** בחור זאל דאס גוט פארשטיין און זיך באקלערן, 'אז מיטן טוהן אביסל, האב איך געוויזן פאר דעם באשעפער אז עס נישט הפקר ביי מיר די ענין פון שובבי"ם. איך טוה וואס איך קען טוהן. קיין מעדיצין דערויף איז נישט דא, דערפאר טוה איך וואס מען טוט ווען מען האט א חולה וואס האט נישט קיין רפואה - מען זאגט תהלים און מען בעט ביים אויבערשטן ער זאל העלפן ווי אזוי ער קען. איך ווייס נישט ווי אזוי. איך קען נישט טוהן מער'.

**דעמאלטס** זאגט דער אויבערשטער, "כי אהיה עמך". 'אז איך זעה אז עס איז נישט הפקר ביי דיר אין שובבי"ם, דו מיינסט עס ערנסט, זאגסט אביסל תהלים, האסט געעפענט "כפתחה של מחט", דעמאלטס די איבריגע וועל איך טוהן. איך זאג צו "ואני אפתח לכם כפתחה של אולם". איך וועל דיר יעצט שוין עפענען די שערי תשובה און אזוי אויך די שערים פון אלע ברכות'.

## "את המעשה אשר יעשון"

**מער** קען איך שוין נישט רעדן. אבער די צוויי זאכן בענין עבודת השובבי"ם וואס איך האב ענק דא געזאגט זאל מען גוט פארשטיין און געדענקן. איינס, די חומר הענין - אז באמת ניצט נישט דערויף קיין תשובה, און דער אויבערשטער פארמאכט פאר אונז די טויערן. און צווייטנס, אז למעשה וועט א קליינע הוספה און אביסל זיך מער אנשטרענגן, יא העלפן. ווייל ריכטיג, די "קלייניקייטן" איז אפשר נישט מער ווי "תשובה תתאה" וואס וואלט נישט גענוג געווען,

אבער מיר האבן די הבטחה פון "פתחו לי פתח כפתחה של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחה של אולם".

**אין** די ימי השובבי"ם וויל דער באשעפער פון אונז אז די וואכן זאלן נישט אדורכגיין הפקר. יעדער ברויך עפעס צו טוהן מער פון וואס ער טוט א גאנץ יאר: מוסיף זיין א שיעור; זיך מקבל זיין צו לערנען אן קיין הפסקה, מער זיין דבוק אין תורה; זייער אבאכט געבן ווי אזוי מען גייט שלאפן און ערליך צו לייענען קריאת שמע שעל המטה (נישט סתם אפכאפן און יוצא זיין, נאר ערליך זאגן אלעס וואס שטייט געדרוקט אין סידור). בכלל די תפלות וואס מען דאווענט, שבת און אפילו אינדערוואכן, זאל זיין מיט כאטש אביסל מער התעוררות אוןווארימקייט, אין אן אופן פון (ויקרא ו, ה) "ואש המזבח תוקד בו".

**אזוי** אויך טוהן חסד, על דרך דעם פסוק "בחסד ואמת יכפר עון" (משלי טז, ו). לאו דוקא חסד דורך געבן צדקה. ובפרט אז בחורים האבן נישט קיין אייגענע געלט מיט וואס צו קענען טיילן צדקה. נאר חסד אין א ישיבה קען מען טוהן אויף פארשידענע אנדערע אופנים. ווי למשל, אז ווען מען קען שוין די גמרא און די תוספות, אבער מען זעהט אן אנדערע בחור פלאגט זיך נאך, גיבט מען אוועק פון די אייגענע צייט צו לערנען בחברותא נאר כדי איהם ארויסצוהעלפן. דאס איז א חסד וואס מען קען טוהן אין לימוד תורה. אויך איז שייך חסד אין א ישיבה דורך אוועקלייגן די ספרים פון בית מדרש, און האלטן בכבוד א בית המדרש. [איך האב געזעהן ראשי ישיבות אין די ימי השובבי"ם, וואס האבן בין הסדרים, אליינס גענומען א בעזעם און אויסגעקערט דאס בית המדרש.]

**די** עיקר איז, אז וואס מען טוט זאל מען זיך נישט סומך זיין אז דאס אליינס איז גענוג און עס העלפט. נאר מען זאל געדענקן אז

דאס וואס העלפט איז די הבטחה פון השי"ת "כי אהיה עמך". דער אויבערשטער וועט נאכדעם צוהעלפן טוהן אז דער בחור זאל אנקומען ווי מען ברויך אנקומען.

**עד** כאן וואס מיר רעדן יעצט איבער דעם ענין.

## "יהי ד' אלקינו עמנו... אל יעזבנו"

**דער** באשעפער זאל העלפן אז מען זאל פון אונז זוכה זיין צו זעהן אסאך נחת, און אז די הבטחה פון "כי אהיה עמך" זאל בלייבן ביי אונז שטענדיג. נישט נאר אין ישיבה ביים לערנען און ביים דאווענען, נאר דאס זאל באגלייטן א גאנץ לעבן. אפילו אין שפעטערדיגע זמנים, ווען מען קומט צו טוהן שידוכים און חתונה האבן, ווען מען דארף אויפשטעלן און מפרנס זיין אן אייגענע שטוב, מגדל זיין דורות, זאל מען ווייטער זוכה זיין צו "אהיה עמך". אז דער אויבערשטער איז מיט אונז יעצט, וועט ער שוין אייביג בלייבן מיט אונז, און מיר וועלן זוכה זיין צו טוהן א נחת רוח פאר דעם בורא כל עולמים.

**די** עיקר איז אז מען זאל עפעס טוהן עס זאל שוין זיין "ויקרב משיחיה", מיר זאלן מקרב זיין די גאולה שלימה, דורך אונזער התנהגות און לערנען תורה מיט געשמאק און דביקות. ווייל מיט לימוד התורה קען גאנץ כלל ישראל געהאלפן ווערן פון אלע צרות וואס זענען ליידער דא, און אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (ח"ג ער, א) אז בזכות אורייתא יתפרקון מן גלותא, און מיר זאלן אלע זוכה צו ביאת בן דוד משיח צדקינו במהרה דידן.

הוצאת

אור תורה מונקאטש